START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Kodak

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Microfilmed 2004
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH
DRAMA

PRESERVATION
PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2004-1882.18

Sholem Aleichem.
Mazel tov!: a komedie in 1 akt.
Varshe, [1907]

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2004- 1882.18

Sholem Aleichem, 1859-1916.
Mazel tov! : a komedie in 1 akt / Ferfast fun Shalom Aleykhem.
Varshe : Ferlag "Bikher-for-alle", 667[1907]
30 p. ; 18 cm. Bikher far ale

1. Yiddish drama.—lcsh
I. Poland-Warsaw

ID: NXYH01-B13894 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: 106231

Reduction ratio X 10.0

פערלאג „ביכער־פאר־אלע" ווארשע.

מַזָל טוֹב!

אַ קאָמעדיע אין 1 אַקט.

פערפאסט פון

שלום עליכם.

ווארשע

תרס"ז.

МАЗЕЛЬ-ТОВЪ.

Комедія въ 1 актъ.

Соч. Шаломъ-Алейхема

Изданіе „БИХЕРЪ-ФАРЪ-АЛЭ".

Варшава, Долга 11.

1907.

די פארשוינען:

ביילע א קעכין, אנ׳אלמנה פון א יאהר עטליכע און דרייסיג, א יאדערדיגע יידינע.

פראדיל א שטוב=מיידיל, א שווארצ׳חנ׳ודיגע.

רב אלטער אנ׳ארעמער פאקענטרעגער, גיט בילעך אויף פראקאט, א יידיל פון א יאהר 40, אנ׳אלמן אדער א גרוש און אפשר אנ׳אלטער בחור, איין האלב פנים לאכט, דאס אנדערע וויינט, טראגט א קויטיגע מאנישקע מיט א צוגעלעגערט קאפעליושעל, שדכנ׳ט זיך צו דער קעכין.

חיים א משרת פונ׳ם צווייטען הויז, א יונג א חוואט מיט א „סיגנעט״, שדכנ׳ט זיך צו פראדלין.

מישא	דעם בעל הבית קינדער, א יונגעל און א מיידיל,
מאשא	רעדען האלב יידיש, האלב רוסיש.

„מאדאם״ די בעל הבית׳טע אליין, באווייזט זיך מיט׳ן איבעריגען עולם נאר אין דער לעצטער סצענע אויף א ווייל.

די געשיכטע קומט פאר אין קעך.

Perl
254

ערשטע סצענע

בײלע. (שטעהט מיט פארקאטשעטע ארבעל בײם אויבען, קאכט זינגט א ליעדל:)

אוי וואו זענט איהר מײַנע יונגע יאהרען,
אוי וואו זענט איהר אהינגעקומען?
צי מיט'ן פײַער פארברענט געוואָרען, | בים.
צי מיט'ן וואסער אוועקגעשווימען? |

אז אך און וועה איז צו מײַנע שונאים, אז בײלע באדארף זײַן א דינסט בײַ די יאהרען, און האָבען אויף זיך אזא בעל־הביתטע, אזא „מאראם", וואָס נאָר געזידעלט און נאָר געפידעלט! א שײַנע נגידית! א ערעטאַן א שטיקעל ברויט וועט זי דען געבען? די אײגענע קינדער אפילו זשאלעוועט זי עסען, איטליכען איז זי חושד: רק מע נאשט, רק מע גנבה'ט! בײַ איהר זענען אלע נאשערינ'ס, אלע גנב'טעס! (זי נעהמט אראב אין א באזונדער טעפל פון אלע מאכלים צו ביסלעך) גענוג זײַ זײַן צו קרײַנקען... ווי זאָגט רב אלטער: „ווינציגער זײַן די ווערעם אין קבר"... (נעהמט אראב נאך א שטיקל פלייש) ניש'קשה, מע וועט זיך באדרעהען... ע ע ע! ווי לאנג בין איך אלײן געווען א בעל־הביתטע בײַ מײַן טיש מיט מײַן מאן פסח צום סדר (זי זינגט):

1

אזוי ווי ס'איז ביטער,
אז מען פעפערט ניט די פיש,
אזוי איז ביטער,
אז מען זיצט בײַ אפרעמדען טיש,

2

אזוי ווי ס'איז ביטער,
יויך אהן א פאן,
אזוי איז ביטער,
אז כען זיצט אהן א מאן.

3

אזוי ווי ס'איז ביטער,
אז דאָס עסען שמעקט מיט רויך,
אזוי איז ביטער,
אז מען ארבײַט איבער'ן כח.

4

אזוי ווי ס'איז ביטער,
אז דאָס עסען האָט קײן טעם,
אזוי איז ביטער,
אז מע דינגט בײַ אזא „מאראם".

ווער קלאפט דאָס דאָרטען אין דער טהיר? מסתמא רב אלטער... א טײַערער ייד, א כשר'ער, אנ'ערהרליבער, אהן חכמות... האָרעוועט נעבאך אויפ'ן שטיקעל ברויט, ווײַסט ניט פון קײן וועלט צו זאָגען, גלײַך מיט מיר... (עפענט די טהיר, עס קומט ארײַן רב אלטער פון דרויסען מיט אפעקעל ספרים אונטער דער האנד).

צווייטע סצענע.

רב אלטער. (לייגט אב דאס פעקיל אויף א זייט, מאכט צורעכט דאס בערדל, ווישט זיך דעם שוויס מיט א רויטע פעטשיילע). א גוטען אבענד אײַך, בײַלע לעבען! וואָס מאַכט איהר גוטס? איך געה פארבײַ, איך זעה עס לײַכט זיך, טראַכט איך מיר, מע דארף ארײַנגעהן אויף א ווײַלעטשקע... א גאנצען טאָג איז מען אויף די פיס, פון שטוב צו שטוב, מע מײַנט טאָמער, דיזען, דאזען, דאָס און יענץ... וואָס איז בײַ אײַך פאר א יום טוב, בײַלע, וואָס איהר קאָכט אזוי שפעט?

בײַלע. ווײַסט זײַ דער שווארצער יאָהר! א שמחה פלוצים פארשטעהרט זאָל איהר ווערען!... געקומען א חתן אנקוקען אונזער מאמזעליכען... עפעס אײנער א שווארץ יאָהר מיט קנעפליך, ווײַסט דער רוח דעם טאַטען... אָט וועט ארײַנגעהן פראד'ל, זי ווײַסט... זיצט, רב אלטער, זעצט זיך... טאָמער וועט איהר טרינקען א גלעזעל טײ? צו א גלעזעל מילך? צו אפשר בײַדע זאַכען אינאײנעם? און אפשר גאָר צובײַסען, עפעס נעהמען אין מויל ארײַן? (זי רוקט איהם אונטער אלע גוטע זאכען).

רב אלטער. א דאנק, למאי זאלט איהר זיך מטריח זיין, ביילעניו? איך בין גאר נית אזוי שטארק הונגעריג... נאר גאר ניט, אויך די אייגענע מעשה, ווי זאגט ער, אז אייך איז ליעב, איז מיר ניחא... (עסט) איז ביי אייך היינט דאס היינט א שטיקעל יום טוב? כהכתיהי, לאז זיי גאט העלפען, וואס האב איך צו זיי? אי איך לייז ביי זיי קיין געלד ניט? למאי ס'איז דא קיין עין הרע אסך אזעלכע „סטיקראטען", וואס איך לייז ביי זיי קיין געלד ניט? אט א שטייגער חאפט אן אייער „מאראמשע"... זי פלעג מיר אמאל געבען צו לייזען פאר ביכלעך גאר אסך געלד... נאר פון א צייט אז זי האט אויפגעהערט צו פארשטעהען זשארגאן, פון זינט זי איז געקומען פון אויסלאנד, האט זי פארגעסען אונזער לשון, גלייך ווי זי האט שוין פערציג יאהר ניט געהארכט קיין יידיש ווארט... אט דאס אויסלאנד, הערט איהר, איז פאר אונזער פרנסה אנ'אומגליק!...

ביילע. ווי האבען זיי צייט צו לייענען ביכלעך, אז טאג ווי נאכט וויקט מען אין די קארטען? קומט אויף דער נאכט קלויבט מען זיך צענויף אלע: פינקוגעל און חינקעס און שטראדעל און ביינעלמאן און קנאקניסעל און מע קלאפט אין „סטוקעלקע", קלאפען און סטוקען זאל זיי אין קאפ, רבונו של עולם! איך דארף שטעהן ביים אויבען: קאך זיי, בראט זיי, בראטען און ברענען זאל זיי אויפ'ן הארצען!... אפשר וועט איהר געהמען, רב אלטער, א גלעזעלע בראנפען, ס'איז געבליבען פון נעכטען? (זי בייגט זיך אן, נעהמט ארויס, גיסט איהם אן א גלעזעל, ער פארזוכט).

רב אלטער. א דאנק, למאי זארט איהר זיך מטריח זיין? (ער קעהרט איבער דאס גלעז'ל) הערט איהר, ביילע, ס'איז גאר ניט קיין שלעכט ביסעל בראנפען, ווי איהר זעהט מיך לעבען! (זי גיסט איהם אן נאך אנלעז'ל). א דאנק, למאי זאלט איהר זיך מטריח זיין?... ס'איז ביטערע צייטען, זאג איך אייך, עך-עך-עך!...

אמאל פלעג מיר אנקומען א גאנצער טראנספארט מיט ראמאנען פון דער ווילנא, פלעג איך זיי פארצוקערען... און היינט, ווייסט דאס דער גוטער יאהר, פון זינט די ציוניסטען האבען אנגעהויבען ארויסגעבען זייערע ביכלעך, איז מיין פרנסה שטארק געשלאגען... נא דיר ציוניסטען!... נננע!

ביילע. ציבעליסטען? וואס איז דאס, רב אלטער, פאר אנ'אשיקעניש אזעלכעס?

רב אלטער. ציוניסטען – דאס זענען די ציוניסטען וואס פארנעהמען זיך מיט'ן ציוניזם... זיי ווילען, פארשטעהט איהר מיך, מיר זאלען אלע פאהרען קיין „פעליסטינע" ווילען זיי...

ביילע. (שאקעלט מיט'ן קאפ) נא דיר נאך, טאמער איז קארג!... אט האסט דו דיר א בלעטערינגע אויף זייערע קעפ – פארחאפט זאלען זיי ווערען!...

רב אלטער. (שלאגט איהר איבער) שא, גאט איז מיט אייך, ביילע, פאר וואס שעלט איהר זיי? אדרבה, זיי מיינען אונזער טובה טאקי... פארקעהרט, כע קומט זיי נאך א דאנק, זיי ווילען העלפען די ארעמע לייט... דאס פאלק פארשטעהט איהר מיך... דיזען-דאזען-דאס און יענץ...

ביילע. הערסט? וואס זשע שווייגט איהר? ווי באלד אזוי, לאז זיי גאט געבען געזונד און אלדעס גוטס... אויף קיין שלעכט ארט זאלען זיי ניט שטעהן... לאזען מיינע בעלי בתים זיין פאר זיי די כפרה!...

רב אלטער. לאז גאט היטען! וואס האב איך צו זיי? אט למשל האב איך באקומען א פריש פעקיל סחורה, ראמאנען, אזש פון אמעריקע, פרישע, צאפעלדיגע, נאר וואס פון דער נאדעל ארויס. איך זאג אייך פון די אנטיקען!... קפריסין! זעמעלמעהל!... ז

ביילע. (שלעפט ארויס א פלעשעל פון אונטערען בעט און גיסט איהם אן א גלעזל וויין) אנו, רב אלטער, פארזוכט זייט מוחל פונ'ם דאזיגען וויין... געבליבען ביי זיי נעכטען פונ'ם טיש...

רֶב אַלְטֶער. אַ דאַנק, לְמַאי זאָלט איהר זיך מַטְרִיחַ זײַן? (פארזוכט אינ באלקעט זיך) הערט איהר, בײלעניו, איז דאָס אַ גלעזל מַשְׁקֶה פון מַשְׁקֶה לאַנד! .... (טרינקט און באלעקט זיך). זינט גאָט האַנדעלט מיט מַשְׁקָאוֹת, האָט ער נאָך אַזאַ מַשְׁקֶה ניט געהאַט... (קוקט אין גלעזל אריין און שפיגעלט זיך) עֶ, אַפְּנִים די נְגִידִים ווײסען טאַקי, וואָס גוט איז?! ... הערט איהר, די קאַפּאָטע פאַרזעצען און אַ נָגִיד זאָל מען זײַן!..." אַז ס'איז יאָ אַזוי, טאָ לאָמיר זײַן געזונד! (קעהרט איבער דאס גלעזל) הערט איהר? דאָס איז ווײַן! דאָס איז אַ מִין מַשְׁקֶה, וואָס מען קאָן עס אָנרופען ווײַן. עס האָט אין זיך אַלע אָפּשניצלעך פון... פון... אַ גלעזל ווײַן. (באלעקט זיך) דיזען-דאַזען-דאָס און יענץ...

בֵּיילֶע. (גיסט איהם אן נאך א גלעזל) נישקשה, טרינקט נאָך איין גלעזל, זשאַלעוועט ניט, פאַראַן בײַ זײ אין קעלער גענוג... זײ מעגען דאָס אויסקרענקען געזונדערהייד!

רֶב אַלְטֶער. (מיט א פריילעך פנים). לאָז גאָט היטען! וואָס האָב איך צו זײ? לאָזען זײ טרינקען... לאָזען ידען טרינקען געזונדערהייד... אַ ייד איז ניט קײן גוי... אַ ייד אַז ער נעהמט אַ ביסעל מַשְׁקֶה, איז גאָר נישט, מַהְכְּתֵיתִי... ער טרינקט זיך אויס אַ גלעזל, צוויי גלעזלעך, צו אַ־ילו דרײַ גלעזלעך — און שאַ, שטיל, טשעפּעט ניט קײן פליג אויף דער וואַנט... שִׁכּוֹר? — פֶּע! שִׁכּוֹר קײן מאָל ניט!... קײן מאָל ניט שִׁכּוֹר!...

בֵּיילֶע. (דערגיסט איהם דאס גלעזל) קײן מאָל ניט!...

רֶב אַלְטֶער. אַקעגען וואָס, הייסט דאָס, איז דאָס געקומען צו רייד? יאָ, אַקעגען דעם וואָס איהר זאָגט: מע הארעוועט... מע הארעוועט איבער'ן כֹּחַ... אָט לְמָשָׁל חאַפּט אָן צום בלײַשטיפט אַ יונגע אַלְמָנָה, ווי איהר זײַט... וואָס?... ווער?... וועמען?... גאָר נישט... דיזען-דאַזען-דאָס און יענץ. הערט איהר! איך וואָלט דאָס אײַך ניט געזאָגט, נאָר אונטער פיר אויגען זאָג איך אײַך... די מַעֲשֶׂה פון דער געשיכטע איז

אַזוי... ביז וואַנעט איז דער שִׁיעוּר פרעג איך אײַך, צו זײַן בײַ יענעם?... ווידער אַמאָל געקאָכט וועטשערע, און אָבער אַמאָל וועטשערע... צײַט אַמאָל אַלײן אַ נ'אײגענע וועטשערע, אַנ'אײגען שטיקעל אויבען, דיזען-דאַזען דאָס און יענץ... איהר פאַרשטעהט?...

בֵּיילֶע. יאָ, איהר זענט אַוַדַאי גערעכט, רֶב אַלטער, אַנ'אײגענע פּאָמוניצע איז אַוַדַאי ליבער פון אַ פרעמדע שיסעל... וואָס קומט אָבער אַרויס? אַ וויסטע אַלְמָנָה, מָה אָנוּ מֶה חַיֵּינוּ?

רֶב אַלְטֶער. אָט כֵּן איז וואָס? אַנ'אַלְמָנָה איז דען קײן מענטש ניט? פאַרקעהרט אַנ'אַלְמָנָה איז נאָך אַדְרַבָּה מעהר סְחוֹרָה... מִצַּד רַחֲמָנוּת... (מאכט מיט די הענד) מִצַּד דיזען-ראַזען, דאָס און יענץ...

בֵּיילֶע. ווײס איך וואָס, ווער וועט זיך קוואַפּען אויף מיר מיט סַך הַכֹּל צוויי הונדערט שמאַרדאָווינצעס, נישט מעהר זאָלען מײַנע בַּעֲלֵי בָּתִּים פאַרמאָגען, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם...

רֶב אַלְטֶער. (בחורט זיך) עֶ, זאָגט דאָס נישט בײַלע לעבען!... ווי אַזוי מע וויל ליײַענט מען דאָס בריוועל... צוויי הונדערט קאַרבען איז הײַנטיגע יאָהרען אַ קאַפּיטאַל... און צו אַזאַ קאַפּיטאַל, ווען גאָט שיקט אײַך צו כְּדוֹמֶה לְמָשָׁל אַ לײַטישען יונגען מאַן, אַ מענשען אַנ'ערליכען, אַ מענשען מיט אַ געשעפט'ל אין דער האַנד... אַ מענשען וואָס פאַרשטעהט איהר מיך (מאכט מיט די הענד) דיזען-דאָזען, דאָס און יענץ...

בֵּיילֶע. אַ שטײגער כְּדוֹמֶה לְמָשָׁל?...

רֶב אַלְטֶער. (בחורט זיך) אַ שטײגער כְּדוֹמֶה לְמָשָׁל, איך זאָל אײַך אָנכאַפּען נאַפּשיקלאַד אַזאַ מין מענש'ל, וואָס האָט אַ געשעפט'ל, נישט קײן גרוים געשעפט, נאָר אַזוי אַ פּײַנס, אַ שטילס, אַ רוהיגס... וואָס האַנדעלט מיט אַזאַ מין סְחוֹרָה, וואָס מע גיט דאָס אויף פראָקאַט... אויף איבערלײַענען... נו כְּדוֹמֶה לְמָשָׁל ביכער, ראָמאַנען (מאכט מיט די הענד) דיזען, דאַזען, דאָס און יענץ...

ביילע. (פארטראכט, ווישט זיך די נאז מיט'ן ארבעל פון אונטען ארויף) איהר רעדט עפּעס, רב אלטער, אזעלכע ווערטער... פאַר־שטעלט... איך קאָן ניט פארשטעהן. טרינקט, איך בעט אייך, קוקט ניט אויף כבוד... מיר וועלען האָרעווען און זיי וועלען פרעסען און זאָפען, עסען זאָלען זיי ווערעם! (גיסט איהם אן נאך א גלעזול).

רב אלטער. לאָז גאָט היטען! וואָס האָב איך צו זיי! (נעהמט דאס גלעזול) וואָס איהר זאָגט מע האָרעוועט. דערויף זענען מיר שוין געוואוינט. וואָס איז שייך? גאָט האָט אזוי בעשאַפען די וועלט, אז מיר דאַרפען האָרעווען, פאַרשוואַרצט ווערען, און זיי דאַרפען לעבען א גוטען טאָג, עסען און טרינקען און דיזען און דאַזען און דאָס און יענץ... פאַרדריסען פאַרדריסט נאָר דאָס, וואָס ס'איז ביי זיי ניט אָנגעלעגט אונזער האָראָוואַניע. למשל אָט נעהמט א פערד להבדיל האָרעוועט אויך איבערען כח. זעהט זשע אָבער, ווי מע קיכעלט עס, מע גלעט עס, מע גיט איהם עסען, און טרינקען, און דיזען, און דאַזען, און דאָס און יענץ.

ביילע. איהר רעדט עפּעס, רב אלטער, תמיד אזוי מאָדנע... פאַרשטעלט...

רב אלטער. ס'איז ניט מיינע ווערטער; דאָס האָב איך אויסגעלייענט פון א ביכעל, פון די היינטיגע ביכלעך, וואָס זיי גיבען־ארויס אָט די ימחשמוניקעס, די „צעצאַליסטען"...

ביילע. וואָעס? וואָס איז דאָס פאַר אַמכּה? א מכּה זאָל זיך זיי זעצען אויפ'ן שפּיץ נאָז?!...

רב אלטער. לאָז גאָט היטען! וואָס האָב איך צו זיי? פאַרשטעהט איהר מיך, די דאָזיגע, דאָס זענען אזעלכע מענטשען, פאַרשטעהט איהר מיך, וואָס קאָטאַרי זיי נעהמען זיך אָן אדרבה די קריוודע פון די אָרעמע לייט, פון די אַרבייטער, פאַר מיר, און פאַר אייך, און פאַר די אַלע, וואָס פלאָגען זיך און מוטשען זיך אויף דער וועלט...

ביילע. הערסט דו! וואָס זשע שווייגט איהר? לאָזען מיינע בעלי בתים איינגענעהמען א מיתה משונה פאַר זייער מינדסטען נאָגעל!

רב אלטער. לאָז גאָט היטען! וואָס האָב איך צו זיי? (עס עפענט זיך די טהיר עס קומט אריין חיים דער משרת. ביילע טהוט זיך אוואַרף צום אויבען. רב אלטער קוקט אריין אין א ביכעל).

דריטע סצענע.

חיים. (דאס קאפעלישעל אויף א זייט). אגוטער נאָבענד זאָל זיך אין אייך א ריינהאַפען, ביילעניו... וואָס מאַכט א ייד, רב אלטער? איהר ווייסט? דאָס ביכעל וואָס איהר האָט מיר געבראַכט איז אַנ'אַנטיק פון א ביכיל: איך האָב דאָס נאָר גענומען לייען בין איך אַנטשלאָפען געוואָרען זיצענדיג אויפ'ן בענקיל ווי א געהרגעטער... (ער גיסט זיך אן א גלעזול וויין). געניסט עפּיס, רב חיים, פאַר וואָס זאָלט איהר ניט געניסען? אזוי זאָגט מען מאַראַם בשעת זי איז מכבד איהרע געסט מיט ווערמיגע ניסליך... וואו איז ערגיץ פּראַדיל? (ער וויל זיך אנגיסען נאך א גלעז'ל).

ביילע. (גיט איהם איבער די הענד) אוועק, דו משומד, נישט פון דיינעטוועגען אָנגעגרייט!... דערציעהל בעסער, וואָס ביזט די אזוי אויסגעפוצט? וואָס הערט זיך עפּיס ביי אייך? וואָס מאַכען דיינע בעלי בתים?

חיים. מיט די זייטען זאָלען זיי אייך מאַכען!... מע זיצט ביידע אין דערהיים ווי די טייבעלעך און מע זידעלט זיך און מע שעלט זיך ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר... (ער שלעפּט פון קעשינקע ניסליך ווארפט אין מויל אריין און טהוט א קנאַק אלע מאל מיט דער האנד איבער דער מאָרדע פון הונטען ארויף).

ביילע. וואָס איז די מעשה?

חיים (קנאַקט ניסליך) וואָס זאָל זיין? גאָר ניט. זי וויל קיין פאַריז... זאָגט ער קיין באַרלין... זאָגט זי אין דער ערד...

זאָגט ער ביזט אַ בהמה... זאָגט זי דו ביזט אַ בעל עגלה... זאָגט ער אַבי ניט קיין שניידער... אַ פּנים, טראַכט איך מיר, זיי שטאַמען ביידע פון גרויסען יחוס גלייך מיט דעם יחוס פון זייער מחותּן חינקעס. איהר ווייסט, רב אַלטער, חינקיסער יחוס?...

רב אַלטער. דהיינו כּרומה למשל?

חיים. דהיינו כּרומה למשל אין זיידען האָט ער געהאַט אַ פאָטאָגראַף, ער פלעגט אַראָפּנעמען-גרעט פונים ביידעם... און דער אַנדערער זיידע איז געווען גובערסקי רעוויזאָר-איבער אַלע שיינקען... אָ! מע זאָל דערמאַנען משיח'ן... (עס קומט אַן פון שטוב פראַדיל).

פּירטע סצענע.

פראַדיל. (זעהט נישט חיים'ן. זינגט אַ ליעדעל:)

„זיץ איך מיר אויף אַ שטיין,
עס נעמט מיך אַן אַ גרויס געוויין:—
אַלע מיידליך האָבען חתונה,
נאָר איך איינע זיץ אַליין!..

חיים. (ווישט זיך די אויגען כלומרשט) זעהר טראַוועריג!

פראַדיל. (זעהט איהם נישט, זינגט און טאַנצט אונטער:)

אוי וועה, מאַרגענשטערען } בּים
ווען וועל איך אַ כּלה ווערען?!...

חיים. (פון דערווייטען) שטעהן שטעה איך, שטעה איך ביי דער טיר,
קוקען קוק איך מיט איינעלעך אויף דיר.
האַרצעניו לייבעניו, וואָס טהוט זיך דאָס מיט דיר? } בּים
צייט פון שבּת האָסט זיך ניט געזעהען מיט מיר!

פראַדיל. (זעהט איהם ניט) כּל זמן איך בין אַ מיידעל,
בין איך שען און איידעל.
און ווי באַלד איך ווער אַ ווייבעל,
ווער איך שוין אַניאַרעם טייבעל.

אוי וועה, מאַרגענשטערען!
ווען וועל איך אַ כּלה ווערען?

חיים. (געהט איהם אַ קעגען מיט אויסגעציטערטע הענד) הנני! איך בין אָנגעברייט! איך בין גרייט אַפילו היינטיגען טאָג, נשמה מיינע! דאָס בין איך טאַקי געקומען איך זאָל מיט דיר אָפּרעדען, מיין טהייער קאַנאַריקיל, אָפּשטעלען דאָס קנסטאָל... אַ גוטען אָבענד דיר, פראַדיל, וואָס מאַכסט דו, האַרץ מיינס, און ווי געהט דאָס דיר אין געזונד, מיין איינגעל און מיין שאַץ, דער גייסט פון מיין נשמה, דאָס האַרץ פון מיינע אויגען, ווי ביי רב אלטערען אין די ביכלעך שטעהט געשריבען...

פראַדיל. וואָס איז? וואָס ביזט דו אַזוי האָפּערדיג? קוקט איהם אָן ווי ער האָט זיך דאָס אַ ביסעל אויסגעסטראָצעלט דער שענער מחותּן! גוט יום טוב ראָש חודש קלעמענש!... געהסט מן הסתּם פון צירק, אָדער געחאַפּט ערגיץ אַ קערטיל?...

חיים. ווי דען איז אַנדערש,. פייגעלי? אַ מענטש לעבט איין מאָל ניט קיין צוויי מאָל, ווי מיין רבּי פלעגט זאָגען, אַז ער האָט ניט געהאַט אויף שבּת און די רביצין פלעגט איהם באַגראָבען ניין איילען אין דער ערד!...

פראַדיל. באַגראָבען זאָל מען דיך!

חיים. אָמן אַלע ווייבער! נאַרילע, היינטיגס מאָל האָסט דו דווקא ניט געטראָפען... אין צירק געה איך ניט און אין קאָרטען שפּיעל איך ניט, ווייסט דו פון ווען אָן?

פראַדיל. פון ווען אָן?

חיים. פון איין נעכטען אָן... איך האָב מיר געגעבען דאָס וואָרט איך זאָל ניט שפּילען מעהר... איבער צוויי זאַכען: ערשטענס האָב איך ניט פאַר וואָס, און אַז מע האָט נישט קיין פינגער, זאָגט רב אַלטער, קאָן מען קיין פייג נישט שטעלען... און והשנית קלויב איך איצט אַ גראָשען צו אַ גראָשען... צו ליב דער חתונה, נשמה מיינע... מע זאָל זיך ביי מיר אויסציהען פאַר

אַ גראָשען נעב איך ניט... עס ווילט זיך ניט שטאַרבען אין פרעמדע הַבְּרִיכִים, ווי מײַן באָבע עָלֶיהָ שָׁלוֹם פלעגט זאָגען, בְּשַׁעַת מע האָט געבעטען בײַ איהר אַ נְדָבָה...

פְרַאדיל. וואָס זשע דען טהוסט דו גאַנצע נעכט, אַז דו פַּטֶרְסט אָפּ אַלע אַרבײַט אין שטוב?

חַיִים. וואָס איך טהו? איך פאַרנעהם זיך מיט בילדונג, טהײַערע! מיט בילדונג! אָט לײען איך איצט אַ ביכיל, זיס ווי אײַנגעמאַכטס... רֶב אַלטער האָט דאָס מיר געבראַכט... אוי אַ ביכיל! (ער קושט די פינגער) כ'בין אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען, נאָר געלײענט, און געלײענט, און געלײענט - מְחַיֶה נְפָשׁוֹת!

פְרַאדיל. עס קעהר שוין זײַן דאָס גוטע ביכיל אַז ס'איז אַרײַן צו דיר אין די הענד אַרײַן... וואָס איז דאָס, אַ ראָמאַנס?

חַיִים. נאָך אַ מין ראָמאַנס! אין זעכס טהײלען, מיט אַ נעקראָלאָג.

רֶב אַלְטֶער. עפּילאָג...

חַיִים. מײן איך עמפּילאָג.

פְרַאדיל. ווי אַזוי רופט זיך עס?

חַיִים. (טהוט זיך אפאטש אין שטערען) סע רופט זיך אָן מיט אַזאַ לאַנגען נאָמען, אַז ס'איז שווער צו געדענקען אויסווייניג... רֶב אַלטער סערדצע! ווי אַזוי הייסט עס בײַ אײַך?

רֶב אַלְטֶער. ווער?

חַיִים. אָט אַ יענץ ביכעל, וואָס איהר האָט מיר געבראַכט אַנומעלטען צו טראָגען?

רֶב אַלְטֶער. אַ? דאָס ביכעל וואָס איך האָב דיר איבער-געלאָזט? שוין איין מאָל אַ ביכעל! אַנטיק שבאַנטיק! פּרימאַ! מע רײַסט דאָס בײַ מיר פון די הענד! עס הייסט מיט'ן נאָמען: „דער ווילדער נעגער אין רויטען גאַרטעל מיט צעהן אַנגעלאָדענע פּיסטאָלעטען און מיט זעכס פאַרשאָלטענע דאַמען אין טויבען-געשטאַלט, אָדער דער רינג פון שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ, אַ העכסט אינטע-

רעסאַנטער ראָמאַן אין זעכס טהײל מיט אַנעפּילאָג און מיט אַ ליעד צום געזאַנג, פאַרפאַסט פון יִצְחָק שְׁלֹמֹה עסיגטרײַבער אויף דעם אָרט פון ייזמ"ר.

בֵּײלֶע } (אפליעסק מיט די הענד) אַ דונער האָט מיך ניט
פְרַאדיל } דערשלאָגען! וואָס פאַר אַ לאַנגער נאָמען!

חַיִים. שרעקט זיך ניט, ס'איז בײַ זײ פאַהראַן נאָך לענגערע, און אַלע עפּעס אַזעלכע מאָרנע כְּפוּל שְׁמוֹנָה'דיגע נע-מענער, צום בײַשפּיעל: „דער געפאַנגענער קעניג בײַם פאַרגליווערטען ים אין דער וויסטעניש, אָדער די צעשפּאָלטענע ליפּ"... „דער שוואַרצער ציגײַנער מיט די זילבערנע קנעפּ אין רײַטוואָגען, אָדער די גלעזערנע קאַטשעלקע אויף פֶּסַח"... „די געשוואָלענע מויד פון איהר אײַנציגען חָתָן, אָדער דער רויטער מַמְזֵר, פאַרחאַפּט זאָל ער ווערען!"...

בֵּײלֶע } פאַרהאַפּט מעגסט דו שוין ווערען פאַר אַלע
פְרַאדיל } ײדען, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!

חַיִים. אָמֵן, אַלע ווײַבער! הַקִצוּר ס'איז אַ ביכיל, זאָג איך דיר, הערסט דו פראַדיל, די פינגער צו קישען!

פְרַאדיל. וואָס זשע בעשרײַבט זיך דערמיט אין ביכעל? בּיזט ניט קראַנק צו דערצעהלען!

חַיִים. דאָרטען באַשרײַבט זיך... ס'איז שווער צו געדענקען אויף אויסווייניג... עפּעס ווי אַזוי אַ פײַנער בָּחוּר פון אַ יאָהר עטליכע און צוואַנציג...

רֶב אַלְטֶער. אַכטצעהן...

חַיִים. ראָמאַנסירט אַ מײדיל פון אַ יאָהר נײַנצעהן...

רֶב אַלְטֶער. זיבעצעהן...

חַיִים. אַ שען מײדיל, אַנ'עפּעלע, מיט חֵן-גריבלעך אין די בעקליך, אַ בלאָנדיקע מיט שוואַרצע האָר.

רֶב אַלְטֶער. מיט בלאָנדע האָר...

חַיִים. מײן איך אַ בראָנעטקע מיט בלאָנדע האָר...

פְרַאדִיל. ווי אַזוֹי הייסט זי?

חַיִים. ווי אַזוֹי הייסט זי? נאָר וואָס אַרויסגעפלויגען פונ'ם קאָפּ... זי ליגט מיר אויפ'ן צונג... ווי אַזוֹי הייסט זי, רֶבּ אַלטער?

רֶבּ אַלְטֶער. ווער?

חַיִים. אָט יענץ מיידיל וואָס ביי מיר אין ביכעל?

רֶבּ אַלְטֶער. סעראַפימאַ...

חַיִים. יאָ, יאָ, איך האָב טאַקי געוואָלט זאָגען אַזוֹי... עס באַשרייבט זיך דאָרט, ווי אַזוֹי דער בָּחוּר פאַרליבּט זיך אינ'ם מיידיל... דאָס מיידיל פאַרליבּט זיך אינ'ם בָּחוּר... דער בָּחוּר וויל חֲתוּנָה האָבען פאַר'ן מיידיל... דאָס מיידיל וויל חֲתוּנָה האָבען פאַר'ן בָּחוּר... ווילען זיי הייסט עס ביידע... טרעפט זיך איין מאָל אַ מַעֲשֶׂה, דער בָּחוּר באַגעגענט זיך מיט'ן מיידיל ערגיץ אין אַנ'אָרט, דאַכט זיך אַז אין קעך?... אַ יאָ, רֶבּ אַלטער?

רֶבּ אַלְטֶער. האַ? וואָס?

חַיִים. וואו באַגעגענט ער זיך דאָרטען אין אייער ביכעל, יענער בָּחוּר מיט דער מויד? אַ יאָ אין קעך?

רֶבּ אַלְטֶער. אין פאַריזש אין די בּעדער... ביים גראַף סאַלִים אין פּאַלאַץ... אין אַ גאָרטען פון לימענים מיט פּאָמעראַנצען.

חַיִים. אַזוֹי נאָר? בִּקְצוּר, איז זיך מְיַשֵּׁב ער, מיין בָּחוּר הייסט דאָס, און איז ניט פויל אויף דער פּען און חאַפּט זי אַרום אָט אַזוֹי. (וויל ארומנעהמען פראדלין).

פְרַאדִיל. אַוועק, דו שאַרלאַטאַן...

רֶבּ אַלְטֶער. ניין, חַס וְשָׁלוֹם, ניט אַזוֹי... פריהער פאַלט ער איהר צו די פיס...

חַיִים. איך האָב דיר נאָר געוואָלט ווייזען ווי אַזוֹי דער בָּחוּר נעהמט אַרום דאָס מיידיל דאָרט אין ביכעל...

פְרַאדִיל. ווער די כַּפָּרָה!... געקומען אויפ'ן גרייטען...

געהה זעה ביי לייטען, ווי סע פיהרט זיך... אָט איז געקומען צו אונזער „באַרישני" אַ חָתָן אַזש פון אַלדע שוואַרצע יאָהר... פאַרשפאַרט מיט איהר אין איין חֶדֶר פון אין דערפריה אָן...

חַיִים. פון אין דערפריה אָן? טאַטעניו! וואָס אַזוֹי לאַנג? וואָס טהוען זיי דאָרטען, קעצעלע מיינס?

פְרַאדִיל. איך זאָל אַזוֹי וויסען פון דיר... איין וואָרט האָב איך געחאַפּט, בְּשַׁעַת איך האָב זיי אַהין דערלאַנגט טיי...

חַיִים. וואָס פאַר אַ וואָרט?

פְרַאדִיל. אַז איך וועל דיר זאָגען, וועסט דו באַלד וויסען! „זשיוואָפּרי"...

חַיִים. זשיוואָפּרי?... אַהאַ, איך ווייס שוין! איז אונזער לָשׁוֹן איז דאָס אַלץ איינס, ווי מע זאָל זאָגען „סע ברענט מיך אַ טרונק"... אַ יאָ, רֶבּ אַלטער, אַ טרונק?

רֶבּ אַלְטֶער. (באלעקט זיך) וואָס זאָגט איהר, אַ טרונק? אַ ייד איז ניט קיין טרינקער... מַהֲכְתֵּיתִי אַ ייד נעהמט אַמאָל אַביסעל בראָנפען...

חַיִים. גוט מאָרען געלי... רעטיך טראָג איך... סע רעדט דאָ פון פראַנצויזיש, קומט איהר מיט אַביסעל בראָנפען... (עס הערט זיך א קול פון שטוב: פראני, פראדיל! וואס קריינקסט דו דארט אין קעך, דו מויד?...)

פְרַאדִיל. קריינקען זאָלט איהר פאַר אַלע יידען!... איך געה, איך געה! ווי געפעהלט אייך, ווי זי קוויטשעט! איך וואַש דאָס געפעס! אָט געה איך! געהן זאָל זי אויף קוליעס!...

חַיִים. אָמֵן, אַלע ווייבער! (פראדיל לויפט ארויס פון קעך; עס לויפען אריין מישא און מאשא).

פִינְפְטֶע סְצֶענֶע

מִישַׁא און מַאשַׁא. (שלעפען לעקאך פון די קעשענעס, קנאקען

ניסלעך, קוקען זיך ארום אויף אלע זייטען) סמאַטרי, ביילע, זאָג ניט אויס, באָזשע סאָחראַני! ...

בּ י י לֶ ע. אַ מַכָּה דער מאַמען! איהר זענט געבאַך הונגעריג, טײַבעלעך?... עסט געזונדערהייד, עסט, פֿייגעלעך... וואָס הערט זיך עפּעס אין שטוב, קינדערליך?

מִ י שַׁ א א ו נ מַ א שַׁ א. גאָר ניט... דער פּאַפּאַ און די מאַמאַ שפּילען אין קאָרטען... דער דיאַדיאַ קושט די שוועסטער... יעֶי באָגוּ...

חַ יִ י ם. טאַקי? אַנוּ, ווײַזט, ווי אַזוי קושט ער זי, קעצעלעך?

מִ י שַׁ א א ו נ מַ א שַׁ א. וואָט קאַק! (זיי קושען זיך אין די פּיסקליך און לאַכען).

חַ יִ י ם. (פּאַטשט זיי אין די פּלייצעס) בראַוואָ! בראַוואָ! מאָלאָדצי רעביאַטאַ! אָט וואָס הייסט גוט ערצויגען קינדער! איהר זאָלט זײַן עהרליכע קינדער, וואָלט איהר אַ וועקגעלקחנט פֿונ'ם טיש עפּעס גוטע זאַכען פֿון אונזערטוועגען: טאָרט, ניסלעך, עפּעל, באַרען, מאַראַנצען, אײַנגעמאַכטס... נישקשה, קיינער וועט נישט וויסען... צווישען דער משפּחה וועט דאָס בלייבען... (מישא און מאשא לאזען זיך געהן. פּראדיל קומט אן מיט א גראפין נאך וואסער).

זעכסטע סצענע.

פְ רַ א דִ י ל. ברענען זאָלען זיי אויפ'ן פֿײַער!...

חַ יִ י ם. אָמֵן, אַלע ווי ע!

פְ רַ א דִ י ל. דאָ האָט זי געשריגען „מויד", און דאָרט פֿאַר פֿרעמדע מענשען, איז זי זיס ווי צוקערלעקעך. „בריינג, זאָגט זי, דושעטשקע, אַ גלאָז וואַסער פֿאַר דער מאַדאַם לאָקשענקונעל"...

בּ י י לֶ ע. וואָס מאַכען עפּעס חתן־כּלה?

פְ רַ א דִ י ל. קײַן גוטס זאָלען זיי אײַך ניט האָבען...

חַ יִ י ם. אָמֵן, אַלע ווײַבער!

פְ רַ א דִ י ל. די שענע כַּלָּה האָט מוֹרָא, טאָמער טהוט אַ קוק אויף מיר דער חָתָן... האַלט זי איהם פֿאַרשפּאַרט... נישקשה, ער וועט פֿון איהם האָבען אַ וויסטען סוף... ס'איז אַוואהל כַּלָּה'כ'ן... זי וועט איהם אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אויסדראַפּען די אויגען...

חַ יִ י ם. אַ מִצְוָה, לאָז זיך איהם ניט גליסטען, ווי מײַן עלטערע שוועסטער פֿלעגט זאַגען, בְּשַׁעַת איך האָב מיך געוואָרגען מיט אַ בײַנדיל... אַ פָּנִים עס וועט זײַן טאַקי הײַנט אַ מַזָּל טוֹב?... אַ סִימן, רֶב אַלטער, בֶּאֱמֶת גענאָסען! טהוט איהם אַ ציה, ביילע, בײַם ליַנקען אויהער און זאָגט לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי...

רֶ ב אַלְטֶער. (האט ביז אהער געהאפּט אדרימעל, געפּייפט מיט דער נאז. חאפּט זיך אויף) אַ דאַנק! לָמַאי זאָלט איהר זיך מַטְרִיחַ זײַן? איך בין אַ ווינציגער טרינקער... אַ ייד טרינקט נישט... אַ ייד איז גאָר קײַן טרינקער נישט... די צי־צי־ציוניסטען זענען זעהר גערעכט... זיי זאָגען אַז אַ ייד... אַ ייד ליגט אין דער ערד, נײַען איילען אין דער ערד... אַ ייד איז נעבּיך תּ־תָּמִיד פֿאַרשטאַכט, פֿאַריאָמערט (ער זינגט מיט אנ'אומעטיגען קול:)

„פֿאַריאָמערט פֿאַרקלאָגט
פֿון זײַנעם פֿאַריאָגט"...

חַ יִ י ם. אהאָ! רֶב אַלטער איז דאָך טאַקי רעכט אונטערען גלעזעל, כ'לעבען! בְּגִלּוּפִין... געמאַכט אַ פָּנִים אַ רעכטע כּוֹסָה?...

בּ י י לֶ ע. ניט מײַן זאָלסט דו עסען, וויפֿיעל זיי האָבען געטרונקען...

חַ יִ י ם. אָמֵן, אַלע ווײַבער!... ווייסט איהר וואָס רֶב אַלטער? אַז איהר זינגט שוין יאָ, טאָ זינגט אונז עפּעס אַ ליעדעל־פֿון די לידלעך! איהר זענט דאָך אַ ייד, וואָס קאַטאָרי, איהר האַנדעלט מיט ביכלעך און מיט ליעדלעך.

רֶ ב אַלְטֶ ע ר. ווּעסט מיר העלפֿען? איהר וועט מיר העלפֿען? זועל איך אײַך זינגען אַ ליעדעל וואָס איז טאַקי אָנגעמאָסטען אויף מיר אַליין.

אַלֶע דְרַיי. אַךְ! מְהַכְתָּיִהי, מיט'ן גרעסטען פאַרגעניגען.

(גרייטען זיך צו איהם מיט העלפען).

רב אַלְטֶער. (זינגט) צעהן ברידער זענען מיר געווע-ע-זען

האָבען מיר געהאַנדעלט מיט וויין.

איינער איז פון אונז געשטאָרבען

זענען מיר געבליבען ניין.

אוי, שמעריל מיט פי-ע-ערעל

בער'ל מיט'ן באַס!

שפּיעלט זשע מיר אַלי-ע-ערעל

אויפ'ן מיט'ן גאַס!

אַלע אינאיינעם. אוי, שמעריל מיטען פיע-ע-ערעל

בער'ל מיט'ן באַס,

שפּיעלט זשע מיר אַ לי-ע-ערעל

אויפ'ן מיט'ן גאַס!

.2

רב אַלְטֶער. ניין ברידער זענען מיר געווע-ע-זען

האָבען מיר געהאַנדעלט מיט פּראַכט.

איינער איז פון אונז געשטאָרבען,

זענען מיר געבליבען אַכט.

אַלע. אוי, שמעריל מיט'ן פיע-ע-ערעל,

בעריל מיט'ן באַס!

שפּיעלט זשע מיר אַליע-ע-ערעל

אויפ'ן מיטען גאַס!

.3

רב אַלְטֶער. אַכט ברידער זענען מיר געווע-ע-זען

האָבען מיר געהאַלדעלט מיט ריבען.

איינער איז פון אונז געשטאָרבען,

זענען מיר געבליבען זיבען.

אַלע. אוי שמער'ל מיט'ן פיע-ע-ערעל,

בעריל מיט'ן באַס!

שפּיעלט זשע מיר אַליע-ע-ערעל

אויפ'ן מיטען גאַס!

.4

רב אַלְטֶער. זיבען ברידער זענען מיר געווע-ע-זען

האָבען מיר געהאַנדעלט מיט געבעקס.

איינער איז פון אונז געשטאָרבען,

זענען מיר געבליבען זעקס.

אַלע. אוי, שמעריל מיט'ן פיע-ע-ערעל,

בעריל מיט'ן באַס!

שפּיעלם זשע מיר אַליע-ע-ערעל

אויפ'ן מיטען גאַס!

.5

רב אַלְטֶער. זעקס ברידער זענען מיד געוועע-ע-זען

האָבען מיר געהאַנדעלט מיט שטרימף,

איינער איז פון אונז געשטאָרבען,

זענען מיד נעבליבען פינף.

אַלע. אוי, שמעריל מיט'ן פיע-ע-ערעל,

בעריל מיט'ן באַס!

שפּיעלט זשע מיד אַליע-ע-ערעל

אויפ'ן סיטען גאַס!

.6

רב אַלְטֶער. פינף ברידער זענען מיר נעווע-ע-זען

האָבען מיר געהאַנדעלט מיט ביער.

איינער איז פון אונז געשטאָרבען,

זענען מיר געבליבען פיער.

אַלע. אוי, שמעריל מיט'ן פיע-ע-ערעל,

בעריל מיט'ן באַס!

שפּיעלט זשע מיר אַליע-ע-ערעל

אויפ'ן מיטען גאס!

.7

רב אלטער. פיער ברידער זענען מיר געוועזען

האבען מיר געהאנדעלט מיט בליי.

איינער איז פון אונז געשטארבען,

זענען מיר געבליבען דריי.

אלע. אוי, שמעריל מיט'ן פיע-ע-עדעל,

בעריל מיט'ן באס!

שפיעלט זשע מיר א ליע-ע-עדעל

אויפ'ן מיטען גאס!

.8

רב אלטער. דריי ברידער זענען מיר געוועזען

האבען מיר געהאנדעלט מיט טיי.

איינער איז פון אונז געשטארבען,

זענען מיר געבליבען צוויי.

אלע. אוי, שמעריל מיט'ן פיע-ע-עדעל,

בעריל מיט'ן באס!

שפיעלט זשע מיר א ליע-ע-עדעל

אויפ'ן מיטען גאס!

.9

רב אלטער. צוויי ברידער זענען מיר געוועזען

האבען מיר געהאנדעלט מיט ביינער.

איינער איז פון אונז געשטארבען,

בין איך געבליבען איינער.

אלע. אוי, שמעריל מיט'ן פיע-ע-עדעל,

בעריל מיט'ן באס!

שפיערט זשע מיר א ליע-ע-עדעל

אויפ'ן מיטען גאס!

חיים (אליין). איין ברידער זענען מיר געוועזען,

האבען מיר געהאנדעלט מיט ספרים.

איינער איז פון אונז געשטארבען,

האבען מיר געטרונקען אגלעז'ל משקה (גיסט.)

אוי, שמעריל.....

אלע. א שענער גראם!

חיים. וועלען מיר נעהמען צוביסלעך משקה אהן א גראם.

לחיים, רב אלטער! לאמיר זיין געזונד!

רב אלטער. (טרינקט). לאמיר טאקי זיין געזונד! (עס לויפען אריין מישא און מאשא מיט פולע קעשענים).

זיבעטע סצענע.

מישא און מאשא. נעה, פראדיל, די מאמע רופט!...

(פראדיל האפט דעם גראפין מיט וואסער און לויפט אין שטוב אריין).

חיים. אנו, ווייזט, וואס האט איהר געבראכט?

מישא און מאשא (ליידיגען אויס די קעשענים). איזוואלטע וואס עפיל, גרושי, אפעלסינעם... לאווקע סטאשטשילי... יעי, באגו...

חיים (קושט די קינדער). בראוואָ! בראוואָ! מאלארצי, רעביאטא!... אט וואס הייסט גוטע קינדער, געראטענע, צו גאט און צו לייט... אט וואס הייסט פון קינדוויי אויף גוט געלערענט... (ער גיסט אן רב אלטערן א גלעז'ל וויין און זיך אויך) טרינקט, רב אלטער, און פארבייסט. לאז אייך וואהל באקומען, ווי אין דער היילינגער הגדה שטעהט געשריבען... טרינקט און עסט, רב אלטער, מע וועט במילא שטארבען, ווי מיינער א באקאנטער בעל עגלה פלעגט זאגען, אז מע האט דערלאנגט צום טיש א שיסעל קארטאפלעס, און סע האט געזעצט אפארע ווי אין באד...

רב אלטער. הא? און אפשר זענט איהר גערעכט. לאמיר טאקי נעהמען צו קאפליך... לחיים, לחיים, גאט זאל געבען, יידען זאלען זיין יידען... ווארום א ייד איז גאר אנ'אנדער מין

באַשעֶפֶֿעניש... אַ ייִד טרינקט ניט קיין בראָנפֿען, פֿע... אַ ייִד טרינקט וויין... אַלע מאָל וויין, סע קומט פֶּסַח צום סֵדֶר טרינקט ער וויין... און וויפֿיעל ער זאָל ניט טרינקען, איז ער תָּמִיד ניכטער... (פריילין) קיין מאָל ניט שִׁכּוֹר!... אײַאָ חַיִּים'ונקילע? קיין מאָל ניט שִׁ-שִׁכּוֹר!...

חַיִּים. חַס וְחָלִילָה! וואָס הייסט אַ ייִד גאָר וועט זיין שִׁכּוֹר?... דערפֿאַר דאַרף מען טאַקי נעהמען נאָך אַמאָל צו קאַפּעלעך (ער גיסט אן נאך אמאל, ער קושט זיך מיט רב אלטערן, נעהמט די קינדער און געהט מיט זיי א טענציל. רב אלטער פליעסקעט צו און זינגט:).

.1

וואָס מיר זענען זענען מיר,
אָבער ייִדען זענען מיר.
וואָס מיר טהוען טהוען מיר,
אָבער אָהָרוֹג בענטשען מיר!

.2

וואָס מיר זענען זענען מיר,
אָבער ייִדען זענען מיר.
וואָס מיר טהוען טהוען מיר,
אָבער גְּמָרָא לערנען מיר!

.3

וואָס מיר זענען זענען מיר,
אָבער ייִדען זענען מיר.
וואָס מיר טהוען טהוען מיר,
אָבער דאַוונען דאַוונען מיר!

.4

וואָס מיר זענען זענען מיר,
אָבער ייִדען זענען מיר.
וואָס מיר טהוען טהוען מיר,
אָבער זְמִירוֹת זינגען מיר!

.5

וואָס מיר זענען זענען מיר,
אָבער ייִדען זענען מיר,
וואָס מיר טהוען טהוען מיר,
אָבער כַּפָּרוֹת שלאָגען מיר!

.6

וואָס מיר זענען זענען מיר,
אָבער ייִדען זענען מיר,
וואָס מיר טהוען טהוען מיר,
אָבער שַׁבָּת מאַכען מיר!

(עס קומט אן פראדיל און בלייבט ערשטיינט).

אַכטע סְצֶענֶע.

פְּרַאדִיל. (פאלט אן אויף חיים'ן) צו דו ביזט מְשׁוּגָע? צו דו

ביזט חָסֵר דֵּעָה?... פְּלוּצִים אין מיטען דרינגען טאַנצען?... (צו די קינדער) געהט, די מאַמע רופֿט אייך... איהר וועט שוין דאָרטען האָבען פֿאַר די מאַראַנצען!... (די קינדער געהען אוועק) און איהר אויך, רֶבּ אַלטער?... פֿע, שעמען מעגט איהר זיך, אַזאַ ייִד קיין עַיִן הָרָע!

רֶבּ אַלְטֶער. (פלאגטעט מיט דער צינג) אַ ייִד?... אַ ייִד איז ניט קיין גוי... אַ ייִד זאָל טאַקי זיין תָּמִיד געזונד און מַאֲרִיךְ יָמִים וְשָׁנִים זיין. ווארום אַ ייִד וויפֿיעל ער זאָל ניט טרינקען איז ער קיין מאָל ניט שִׁ-שִׁכּוֹר!... (גיסט אן אכוסה).

פְּרַאדִיל. וואָס האָט זיך מיר געחָלוֹמְט היינטיגע נאַכט און יענע נאַכט און אַ גאַנץ יאָהר!... דאָרט אין שטוב איז אַ מַזָּל טוב, דאַריבער באַדאַרפֿען זיי דאָ זשליאָקען וויין!... ביילע?

בֵּיילֶע. זיי האָבען גאָר אַזוי פֿיעל ניט געטרונקען... זעה נור! גענומען צו די ליפען...

חַיִּים. גענומען צו די ליפען און טאַקי באַלד אַראָפּגעשלונגען... הערט זשע אוים, רֶבּ אַלטער, אַז מיר האָבען יאָ דערלעבט אַ מַזָּל טוב, טאָ לאָמיר טאַקי נעהמען צו ביסלעך וויין און טרינקען לְחַיִּים פֿאַר אונז אַליין און פֿאַר אונזערע איינענע כַּלּוֹת, און לאָמיר זיך צו ווינשען איינס דאָס אַנדערע, סע זאָל זיין מיט מַזָּל. מַזָּל טוב דיר, פְּרַאדִיל, מיין טהייערע כַּלָּה, מיין ליכטיגער שטערען, מיין קרוין, מיין שפּילפֿייגעלע!... גיב מיר אַהער דיין זים הענטיל און זאָג מיר צו, אַז דו וועסט מיר זיין געטְרֵייַה!... (וויל זי ארומנעהמען).

פְּרַאדִיל. (שטופט איהם אפ) אַלע בייזע וויסטע חֲלוֹמוֹת!... אַפְּנִים דו ביזט שִׁכּוֹר?...

חַיִּים. שִׁכּוֹר? חַס וְחָלִילָה! ווי קומט אַ ייִד זיין שִׁכּוֹר? וואָס זאָגט איהר, רֶבּ אַלטער, קאָן אַ ייִד זיין שִׁכּוֹר?

רֶבּ אַלְטֶער. (צמייכעלט און באלעקט זיך). אַ ייִד איז קיי... קיין מאָל ניט שִׁ-שִׁכּוֹר! אַ ייִד איז אַ ייִד, און דיזען, דאַזען, דאָס און יענץ...

חַיִּים. (וויל ארומנעהמען פראדלין) אֶפְשָׁר געפֶעלט דיר ניט „קאַנאַריקעל", דער יִחוּס, וואָס איך בין אַ מְשָׁרֵת ?... נאַרילע, מְשָׁרְתִים פִירהרען היינט דאָס גאַנצע רעדיל... קאַרג פֿאַראַן ביי אונז בַּעֲלֵי בָּתִּים, וואָס זענען געוועזן אַמאָל מְשָׁרְתִים ? און מיין בַּעַל הַבַּיִת אַליין, ·זאָל דיר צו קיין חֶרְפָּה ניט זיין, איז ניט געוועזן קיין מְשָׁרֵת ?... אַביסעל גְנֵבָה, אַביסעל הַצְלָחָה -- חוץ זיין שאַדכן אויף מיר געזאָגט געוואָרען אין צעהן יאָהר אַרום !... צי אַשטיינגער לְמָשָׁל נעהם דיין „מאַדאַם" - ניט געוועזן פריהער אַ נ'אַם ?... היינט דאָקטערט זי זיך שוין און פֿאָהרט אין די בעדער אַריין... נאַרילע, וועסט אָם יִרְצֶה הַשֵּׁם אויך זיין אַ „מאַדאַם" אַמאָל, וועסט זיך אויך מיט גאָטס הילף דאָקטאָרען... זיי זיכער...

פְּרַאדִיל. (שטויסט איהם אפ) ביים זיך אָפּ די צונג !...

חַיִּים. אָמֵן, אַלע ווייבער! פֿאָלג מיך, קעצעלע מיינס, לאָמיר ברעכען טעלער. מַזָל טוב! ביילע! רֶב אַלטער! זאָגט אונז מַזָל טוב ! (שלעפט ארויס פון קעשעני א גאלדענע קייט און טהוט אן פראדלין אויפ'ן האלדז) אַזוי ווי דו ביזט איצטערט מיין כַּלָה, שענק איך דיר אַ מַתָּנָה... ס'ליגט ביי מיר אָנגעגרייט שוין פֿון צוויי וואָכען (ער נעכה'ט ארום פראדלען און טהוט זי א קוש, זי שטופט איהם כלומר'ש'ט אפ).

בֵּיילֶע. מַזָל טוב דיר, פְראַדיל, פֿאַר ניץ געזונד ! וואָס זאָגט איהר דערויף, רֶב אַלטער ? (זי ווייזט איהם אויף פראדילס מתנה).

רֶב אַלְטֶער. וואָס זאָל איך זאָגען ? איך זאָג אַז אַ ייד, אַ ייד זאָל מַאֲרִיךְ יָמִים וְשָׁנִים זיין... אַ ייד עסט און טרינקט און גאָר גאָר ניט... שאַ, שטיל... פיש-פיש-פישטעט ווי אַ פֿייגעלי... דיזען דאַזען דאָס און יענץ... (ער שטעהט אויף און פאלט פון די פיס) אַ ייד אַפילו אַז ער טרינקט איז ער תָּ-תָּמִיד ניכטער... פלאָנטעט ניט מיט דער צונג... פֿאַלט ניט פֿון די פִֿיס... געהט גלייך ווי אַ סטרונקעלי, טהוט זיך ניט אַ בייג נישט אַהער... ניט אַהין... איז ביי אַלע געדאַנקען... וואָרום אַ ייד... וויפֿיעל ער זאָל ניט טרינקען קיין וויין, איז ער קיי-קיין מאָל ניט, אָבער טאַקי קיין

מאָל ניט שׁ-שׁ-שׁ... אוי ! אַ ייד האָט אַ פֿינסטער מַזָל... זיי זענען געראַכט די צי-צי-ציוניסטען, איז דאָס פֿאָלק... אַז אַ ייד איז תָּ-תָּמִיד אין דער ערד, תָּ-תָּמִיד פֿאַראַימערט, פֿאַרחושכ'ט, פֿאַר- וואָגעלט... (זינגט אונטער דער נאז:)

„פֿאַריאָ-וואָ-מערט פאַר-קלאָ-וואָ-אָגט

פֿון זאַ-וואַיי-נעם פֿאַר-יאָ-וואָ-אָגט,

פֿון גאָ-וואָט דאָס פֿאַר-שאָלטענע קינד ... (אויסגעצייגען)

אוי-אוי-אוי-אוי !

אוי-אוי-אוי-אוי !"...

חַיִּים. (נעהמט רב אלטער'ן פאר א האנד) וואָס טויג אייך, רֶב אַלטער, זיין „פֿאַריאָ-וואָמערט און פֿאַרקלאָ-וואָגט ?" לאָזען בעסער אונזערע שוֹנְאִים יאָמערען און קלאָגען אויף זייערע קעפּ ! איהר פֿאָלגט מיך, רֶב אַלטער, גיסט אייך בעסער אָן אַ פֿרישע כּוֹסֶה און טרינקט לְחַיִּים צו אייער ביילען... לאָז זיין אין אַ גוטער שָׁעָה אַ מַזָל'דיגער, איהר זאָלט זיך מיט איהר עלטערען אין עוֹשֶׁר אין כָּבוֹד... איך ווייס דאָך אַז איהר פֿאַרקעוועט אַרום איהר שוין פֿון אַ האַלב יאָהר... אַ וועלט שלאָפֿט ניט... וואָס מאַכט איהר אָנשטעלען, ביילע, וואָס ברעקעלט איהר זיך ? לאָם איך האָבען אַזאַ יאָהר, וואָס פֿאַר אַ זִוּוּג דאָס איז, ווי מיין רֶביצין פֿלעגט זאָגען אויף איהר שָׁכֵן, בְּשַׁעַת ער פֿלעגט זיך צעפּאַטשען מיט זיין פְלוֹנִית'- טע... אַ זִוּוּג זאָג איך אייך !

רֶב אַלְטֶער. אַ זִוּוּג מִן הַשָּׁמַיִם... לְחַיִּים, לְחַיִּים !...
(עס קומען אן ווידער די קינדער מיט פולע קעשענים, קנאקען ניסלעך).

חַיִּים. גיט זשע איהר, רֶב אַלטער, די האַנד און לאָז זיין מיט גליק, פֿון דאַנען אין אַנ'אייגענער שטוב, ווי לייבעשעל גַנָב האָט געזאָגט, בְּשַׁעַת מע האָט איהם דאָס ערשטע מאָל געבראַכט צופֿיהרען אין אָסטראָג... און לאָמיר זיין געזונד ! (ער גיסט אן מיט גוואלד פראדלען אביסעל וויין אין מויל אריין. רב אלטער גיט בילען פון זיין גלעזעל). רֶב אַלטער ! זינגט עפּיס אַ לידעל פֿון אייערע

לידלעך, נאָר אַ רעכטס, ס'זאָל לאָפּטשען!

רֶב אַלְטֶער. (נעהמט אויף דער איבערשטער אקטאווע:)

אָב איז אַפּאָטער,
קדר איז אַטאָטער,
אַטאָטער איז אַ קדר

בגדים זענען קליידער,
קליידער זענען בגדים,
זייד איז ניט קיין פּאָדעם.

חַיִים. (שלאגט איהם איבער, זינגט אליין:)

פּאָדעם איז ניט זייד,
שכור זאָלט איהר זיין ווי לוט,
ווי לוט זאָלט איהר זיין שכור,
אין מויל זאָל אייך ווערען ביטער,

ביטער זאָל אייך ווערען אין מויל,
שיסען זאָל אייך אַ קויל,
אַ קויל זאָל אייך אויסשיסען...

פְּרַאדיל. געשאָסען זאָלסט דו ווערען פון גאָט!

חַיִים. אָמן אַלע ווייבער!... ווייסט איהר זשע גאָר וואָס, רֶב אַלטער, זינגט אונז דאָס פריהערינגע לידעל: „וואָס מיר זענען זענען מיר!" און לאָמיר זיך נעהמען פאַר די הענד אַלע און לאָמיר געהן אַ האָפּעלקע. (אלע נעהמען זיך פאר די הענד און מע געהט א טענציל.)

רֶב אַלְטֶער. וואָס מיר זענען זענען מיר,
אָבער יידען זענען מיר!

חַיִים. (זינגט צו זאמען מיט אלטער.) אָבער משרתים זענען מיר!

רֶב אַלְטֶער. וואָס מיר טהוען טהוען מיר,
אָבער ציצית טראָגען מיר!

חַיִים. (צוזאמען מיט רב אלטערן) אָבער משקה טרינקען מיר!

רֶב אַלְטֶער. וואָס מיר זענען זענען מיר,
אָבער יידען זענען מיר!

חַיִים. (צוזאמען מיט רב אלטערן) אָבער שכורים זענען מיר!

רֶב אַלְטֶער. וואָס מיר טהוען טהוען מיר,
אָבער תפילין לייגען מיר!

חַיִים. (צוזאמען מיט רב אלטערן) אָבער טאַנצען טאַנצען מיר!

(חיים שרייט צו רב אלטערן: „לעבעדיג, רב אלטער, פאולקעס! שטארקער!

שטארקער! קינדער! פיסלעך, קינדער!"... ער צעברעכט א טעלער. אלע שרייען „מזל טוב! מזל טוב! מזל טוב!". פלוצים עפענט זיך די שטוב טהיר און עס באווייזט זיך פריהער דער „מאדאם'ס נאז, נאכדעם די „מאדאם" אליין).

נַיינְטֶע סְצֶענֶע.

„מאַדאַם". (א פליעסק מיט די הענד) אַ וויסטער, אַ פינסטערער, אַ ריינער, אַן אומגליקליכער, אַ שווארצער, אַ שלימזלדיגער מזל טוב אויף אייערע קעפּ און אויף אייערע הענד און פיס און לייב און לעבען!... אַזאַ הולטייקע, אַזאַ פארשיווע יידענע, אַזאַ סמאַרקאַטע מויד! וואו פון מיין שטוב! (צו רב אלטערן). און אַט דער שלעפּער וואָס טהוט דאָ?

רֶב אַלְטֶער. (אנגעדרודעלט, פלאָנטעט מיט דער צינג) ש-ש-שלעפּער זאָגט איהר? ווי קומט אַ איד זיין אַ שלעפּער? אַ איד איז קיי-קיי-קיין מאָל ניט קיין שלעפּער! קיי-קיין מאָל ניט... און וואָס איהר טרייבט מענשען פון ש... ש... שטוב, -מהכתיתי, טרייבט, טרייבט, נאָר אַ גזעלה איז דאָס פון אייך. ווייסט איהר פאַר וו-וו--וואָס? ס'איז היינט אַנדערע יאָהרען גאָר... נישט דאָס וו-וו-וואָס? אַמאָל... איהר זאָלט זעהען ביי מיר אין די בילעך... די צעצעליסטען זאָגען, אַ קלאָג צו אייער קאָפּ! דיזען דאַזען דאָס און יענ׳ן...

„מאַדאַם" (צו חיים׳ן) און דו, שאַרלאַטאַן, וואָס טהוסט דו דאָ? וואו פון דאַנען!

חַיִים. (גאנץ עלעגאנד) אַדאַנק פאַר אַ קאָמפּלימענט! (די „מאדאם" לאזט זיך צו איהם מיט ביידע הענד, וויל צו נעמען די קינדער. חיים נעהמט זי פאר א האנד, טהוט א ווינק צום איבעריגען עולם, און מע חאפּט זי אריין אין רעדעל אריין און מע געהט מיט איהר א טענציל. די „מאדאם" רייסט זיך מיט אלע כוחות, נאר ס'איז אומזיסט; מע לאזט זי נישט ארויס פון קאהן).

רֶב אַלטער! וואָס שווייגט איהר? זאָגט עפּיס אַ גוט וואָרט!

רֶב אַלְטֶער. אויפגעלעבט, זינגט:)

ס׳איז היינט אַ נייע וועלט,
מע קוקט ניט אויף קיין געלד,
קיין גרויס קיין קליין,
קיין מיאוס קיין שיין,
קיין אָרעם און קיין רייך,
אַלע זענען גלייך!...

אַלע (זינגען און טאַנצען)

קיין גרויס, קיין קליין,
קיין מיאוס, קיין שיין,
קיין אָרעם און קיין רייך,
אַלע זענען גלייך!
אַלע זענען גלייך!

(די „מאדאם" רייסט זיך פון ווייערע הענד און שעלט, נאר מע הערט ניט איהר קול. עס עפענט זיך די טהיר און עס קומט אריין דערשראקען אין קיך אריין דער גאנצער עולם. הערען און דאמען, און חתן-כלה אויך בתוכם. אייניגע מ׳ב קא־טען אין די הענד. —מע בלייבט שטעהן א ווײלע פערגליווערט, איטלי. כ׳נר אין אנ׳אנדער פאזע. —לאנגזאם פאלט דער פארהאנג.)

— ענדע —

קאַטאַלאָג פון פערלאַג „ביכער־פאַר־אלע", ווארשא

1) לעהר־ביכער:

קאפ׳

1) דער יידיש-לעהרער. ערסטע טייל, איליוסטרירטע מעטאָדע צום לערנען לעזען און שרייבען יידיש מיט אַ חרעסטאָמאַטיע, פערפאַסט פון מ. קרינסקי. 35

2) דער יידיש-לעהרער. צווייטע טייל, חרעסטאָמאַטיע הנ״ל. . . . .

3) דער שטראהל. אַ ליטעראַריש-וויסענשאַפטליכע חרעסטאָמאַטיע, געזאַמעלט דורך אַ גרופע יידישע לעהרער, רעדאַגירט דורך מ. קרינסקי. . . .

4) מאָראַליטעט פון יודענטום. (מוסר היהדות) געזאַמעלט פון תנ״ך, תלמוד און מדרשים. דורך מ. קרינסקי. . . 40

2) ערצעהלונגען און מאנאלאגען.

ק׳

פונם פריזיוו, מאָנאָלאָג. שלום עליכם 5

דער פעטער פיני מיט דער מומע רייזע. אַ מעשה. הנ״ל. 5

פישיל דער מלמד. כנ״ל. 8

גימנאַזיע. אַ פעקיל. הנ״ל. 6

אַ פאַרשפּילטער ל״ג בעומר. אַ מעשה פון חדר. הנ״ל. 5

גרינס אויף שבועות. אַ מעשה פאר יודישע קינדער. הנ״ל. 5

דאָס טעפיל. מאָנאָלאָג. הנ״ל 5

באַשערט אַנ׳אומגליק. מאָנאָלאָג. הנ״ל 5

האדל. אַ מעשה פון טביה דעם מילכיגער. הנ״ל. 10

אנ׳עצה, ערצעהלונג. הנ״ל. 8

ביי׳ם דאָקטאָר. מאָנאָלאָג. הנ״ל. 5

אַ גרינגער תענית. אַ בילד לכבוד תשעה באָב. הנ״ל. 5

אַ פינסטערע חתונה. ערצעהלונג. מ. ספעקטאָר. 5

אַ שטרייק פון קבצנים. ערצעהלונג הנ״ל. 5

שטעהט אויף צו סליחות. כנ״ל. 5

דריי האָבען געגעסען אום יום כפור. ערצעהלונג. ד. פרישמאַן. . . . 5

סכך אויף סוכות. ערצעהלונג. אברהם רייזען. 5

געציל. אַ מעשה מיט ניס. שלום עליכם. 5

דער לערער. ערצעהלונג. אברהם רייזען. 5

פערמשכנ׳ט זיך אליין. כנ״ל. 5

אַ מלך מיט צוויי מלכות. שלום עליכם. 5

Издат. „ГАОРЪ" и „Бихеръ-фаръ-алэ", Варшава Долгая 26.
Wydawnictwa „HAOR" i „Bicher-far-ałe", Warszawa Długa 26.

קאטאלאג פון פערלאג „ביכער-פאר-אלע", ווארשא

קאָפּ'

שכר למוד, ערצעהלונג. אברהם רייזען 5

כפרות, אַ מעשה נורא דערצעהלט פון שלום עליכם 5

סאַמאָוואַר. ערצעהלונג. אַ. רייזען 5

צו גאַסט, ערצעהלונג. מ. בן-אליעזר 3

3) דראַמאַטען און סצענעס פון יידישען לעבען:

צווייט און צושפרייט, אַ דראַמע אין 3 אַקטען. שלום עליכם 30

דער גט, 1 אַקט אין 3 בילדער. הנ"ל 10

מזל טוב. אַ קאָמעדיע אין איין אַקט. הנ"ל . . . .

אַ דאָקטאָר, אַ שפּאַס אין איין אַקט. הנ"ל 10

4) וויסענשאַפטליכע בראָשירען:

דאָס אַלגעמיינע וואַהלרעכט. וו. וואָדאָוואָזאָוו 10

דער וועג צום אייביגען גליק. עטיוד. לאַסאַר איגנים 10

פּריוואַט-אייגענטום. ש. א. זאַקס 5

פערשידענע פאָרמען פון פאָלקס-פערטרעטונג. נ. אַ. ראָזשקאָוו . . . 10

קריזיס און אַרבייטסלאָזיגקייט. עדואַרד וואָליאַן 10

האָלירע. דאָקטאָר פ. באַראָנאָוויטש 5

דאָקטאָר טעאָדאָר הערצל. ביאָגראַפיע. שלום עליכם 10

רבי יהודה הלוי. ביאָגראַפיע. ש. ז. זעצער 5

אבן עזרא. ביאָגראַפיע. הנ"ל 5

לאַסאַל. ביאָגראַפיע. הנ"ל . . . .

ביי בעשטעלונגען דירעקט פון פערלאַג „ביכער-פאַר-אַלע", נישט ווענ-גער ווי פאַר 2 רובל, צאָהלט מען נישט פאַר פּאָרטאָ.

בוכהענדלער, וואָס שרייבען אויס דירעקט פון פערלאַג „ביכער-פאַר-אַלע", נישט וועניגער ווי פאַר 5 רובל, בעקומען 25% ראַבאַט. נישט וועניגער ווי פאַר 25 רובל בעקומען זיי 30%.

בעשטעלונגען ווערען אויסגעפיהרט פער נאַכנאַהמע ביי האַנדגעלד.

קאַטאַלאָגען ווערען אַרויסגעשיקט פראַנקאָ

Издат. ..ГАОРЪ", и „Бихеръ-фаръ-алэ", Варшава Долгая 26.
Verlag „HAOR", ü. „Bicher-far-ale", Warschau Dluga 26.